# דורך א שפאלט.

דער צירק, וואס האט זיך אבגעשטעלט אין שטאדט, האט חיים'קען, א 12-יעהריגען תלמוד-תורה אינגעל קיין רוה ניט געגעבען... ער איז אלע מאל קיין גרויסער מתמיד ניט, אלע מאל איז זיין קאפ ניט ביים לערנען, נאר דער גוטער יאהר ווייס איהם וואו, און ער כאפט נישט איין מאל ביים לערנען פון קאפריזנעם מלמד א חלק פאר זיין ניט וויסען וואו מען האלט. דער צירק אבער האט אין גאנצען איהם ווי מבולבל געמאכט און די קלעפ פון רבי'ן האבען זיך פערגרעסערט אויף א היבשען פראצענט. נאר אפילו צו די קלעפ גופא הערט ער זיך אויך ניט צו; בשעת דער רבי שלאגט איהם, ווייס ער אויך ניט, וואו דער רבי האלט, צו ביי'ן רוקען, צו ביים באק, צו ביים קאפ. אויך דאמאלס, ביי די קלעפ, זיינען זיינע אלע געדאנקען וועגען צירק...

וואס איז אזוינס א צירק, ווייס ער ניט. אינגלעך, וועלכע האט געלונגען זיך אריינצוגנב'ענען אויף א רגע אהין, דערצעהלען זיך אן חדושים. מילא, קוליען זיך איז ביי איהם נישט פון די גרויסע זאכען: „חייקעל הונד" קען זיך אויך קונציג קוליען, אבער אויסער קוליען זיך ווייזט מען דארט אזוינע קונצען, וואס די האר שטעלען זיך קאפויר. זאל זיין, אז דאס איז אפילו, ווי די אינגלעך ערקלעהרען דאס, „טומאן"! נו, אז טומאן איז וואס? ווערט שוין דען קלענער דער אינטערעס? אדרבא, ווייל דאס איז „טומאן", ווילט זיך חיים'קען נאך שטארקער אנקוקען עס.

ווי אזוי אבער קוקט מען עס אן? ווי אזוי כאפט מען זיך אריין אינווייניג, האטש אויף איין רגע. נאר עפים זעהן, עפים א שלינג טהאן מיט'ן אויג!

וועגן א בילעט צו קויפן, איז גאר ניטא וואס צו קלערן. דער וואלוועלסטער בילעט אויף „גאלעריע" קאסט א גאנצער פערציגער. ווען ס'וואלט קאסטן א פיערער, קען ער נאך אמאל האבען א האפנונג צו גנב'ענען ביי דער מאמען: אמת, זי וואלט נאכדעם געוויינט. די האר זיך געריסן, און צוויי טעג נאכדעם וואלט זי אומגעגאנגען מיט א פערבונדענער באק פון צאהנוועהטאג... אבער צוליעב קריגען א בילעט אין צירק, וואלט ער עס געטהאן: אז ער האט אמאל גע'גנב'עט א פיערער צו זעהן „מכירת יוסף" איז דען בילכער געווען?... א גאנצען פערציגער אבער, מיט אמאל, פערמעגט קיינמאל ניט די מאמע, סיידען ערב־פסח, ווען זי ברענגט א האלבען רובעל פון „קאמיטעט": בינדט זי עס אבער איין אין קאפ־טיכעל און שלאפט שוין דערמיט ביז מארגען פריה...

בלייבט נאר א צווייטער מיטעל: אריינ'גנב'ענען זיך. — אין ערשטענס חיים'קע א שרעקעדיגער: ווי ער קומט צו נאהענט צום „אריינגאנג", הויבען זיך אן זיינע דינע פיסלעך צו שאקלען, ווי דעם רבי'ס הענד נאכדעם, ווי זיי האבען עטליכע קלעפ געגעבען, און דער אטהעם פערכאפט איהם, פונקט ווי אין טייך זומער, ווען חברה „קונדסים" טונקען איהם אב... און צווייטענס, האט ער שוין געפרופט דאס אויך — צוויי מאל: איינמאל איז ער שוין געווען נעבען „טהיר־פארהאנג" און א צווייטען מאל שיער־שיער הינטער'ן פארהאנג, און ביידע מאל האט ער געלייזט עטליכע קלעפ פון צווייערליי הענד: פון דעם קאסיר'ס און פון דעם גאראדאוואי'ס, אז איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען און ער האט גאר ניט געזעהן...

דרעהט זיך חיים'קע ארום נעבען צירק. אומעטיג איז אפילו ניט, די גאנצע הילצערנע געביידע איז ווי בעלאגערט פון א געדיכטער מאסע; חברים פעהלען אויך ניט; די גאנצע „תלמוד־תורה" איז דא. דערצו שפיעלט מוזיק. אין אן אנדער צייט וואלט דאס אליין פאר חיים'קען גענוג געווען, בפרט, אז די מוזיק איז



נאך א „וואיענע", מיט א פויק, וואס ער האט דאס זעהר ליעב. אבער דאס אלעס איז פערגלייך מיט דעם, וואס עס טהוט זיך אינוויינינג, איז אזוי קליין, אז חיים קען זיך ניט צופרידען שטעלען. און ווי א פער'סם'טער לויפט ער אום ארום די הילצערנע וואנד פון צירק און זוכט א שפאלט...

און זוכענדיג עטליכע אבענדען, איבערטאפענדיג יעדעס ברעטעל פון צירק, האט חיים'קע ענדליך געפונען א קליין שפעלטעלע אין א ברעט. אבער עס האט געהאט צוויי מעלות: ערשטענס, האט עס זיך געפונען אין יענער זייט, וואו קיינער געהט ניט, אזוי, אז חיים'קע איז געווען זיכער מיט זיין „פאזיציע", אז קיינער וועט זי פון איהם ניט אוועקנעמען, און צווייטענס איז דער שפאלט אין דער נידער געווען און חיים'קע האט געקענט בעקוועם זיצען אויף די קניע.

ענטציקט פון דעם געפינס, האט חיים'קע די ערשטע מינוטען גאר פערגעסען אן צירק. דער שפאלט, וואס האט נאר געדארפט דיענען אלס מיטעל, צו זעהן וואס אין צירק קומט פאר, איז ביי איהם עפיס ווי אליין דער ציעל געווארען. ער האט געפונען און איז שוין גליקליך! באלד אבער האט ער זיך דערמאנט, אז דער עיקר איז טאקי דער צירק און ער האט גענומען אריינקוקען אינוויינינג און זעהן, וואס עס קומט פאר אין צירק.

און חיים'קע האט גלייך דערזעהן אן „אקטיארקע", אנגעטהאן אין א קורץ קליידעל, בענעהט מיט פינקעלדיגע בריליאנטען, מיט נאקעטע הענד און א נאקעטער ברוסט. נעבען איהר אן „אקטיאר" אנגעטהאן ווי אן אפיציר, טאקע ווי אן אמת'ער אפיציר מיט א סאבליע אויף דער זייט, און זיי ביידע ראנגלען זיך... זי לאכט און לאזט זיך ניט „בייקומען"; אבער דער אפיציר הויבט זי אויף אין דער הויך (א געזונטער אפיציר! טראכט חיים'קע) לאזט זי אראב צוריק אויף א בע־

טעל, וואס שטעהט אין א ווינקעלע און ווערט מיט איהר „גוטע פריינד" און הויבט זי אן שטארק צו קושען...

— וואס איז דאס פאר א קונץ ! — טראכט זיך חיים'קע— שקצים מיט שיקסעס קושען זיך דאך אויך...

נאר מסתמא וועלען די צוויי באלד ווייזען א שעהנערען קונץ. און חיים'קע ווארט, וואס אייגענטליך פאר א קונץ וועלען זיי ווייזען. ער ווארט א פאר מינוט, אבער אויסער א ראנגלענים צווישען זיי ביידען זעהט ער ניט. באלד ווערט דער אינטערעס נאך קלענער. דער אפיציר שטעהט אויף, נאך איהם זי, און געהען איינע נאך די אנדערע ארויס.

— שעהנע קונצען ! — לאכט חיים'קע און האט שוין חרטה אויף די מיה, וואס האט איהם געקאסט צו זוכען אזוי לאנג א שפאלט.

פון דעסטוועגען, אויף מארגען, אז די אינגלעך אויס'ן תלמוד־תורה הויף האבען גענומען שמועסען מיט ברענענדע אויגעלעך וועגען צירק, האט זיך חיים'קע ניט געקענט איינהאלטען און האט מיט א שטאלצען קול אויסגערופען :

— איך האב נעכטען אלץ געזעהן !

— וואו האסטו געזעהן ? — האבען די אינגלעך מיט א אונגלויביגען טאן, אבער ניט אהן קנאה, געפרעגט.

— איך האב געפונען א שפאלט... איך האב געזעהן...

— וואס האסטו געזעהן ? עפעס שעהנע קונצען ? דערצעהל ! — האבען די אינגלעך איינע נאך די אנדערע גענומען בעטען.

— ניין ! דערצעהלען קען איך ניט.

— פאר וואס ? — פרעגט איינער פערוואונדערט.

— ווייל ער האט גארניט געזעהן. — ענטפערט לאכענדיג א צווייטער.

— ער „פוצט" א מה, וויצעלט זיך א דריטער.



— איך האב יא געזעהן... — פערזיכערט חיים'קע רויט ווערענדיג.

— טו דערצעהל...

— איך שעהם מיך...

די אינגלעך האבען זיך צולאכט און חיימקע איז רויט געווארען...

און ער האט א לאנגע צייט ניט דערצעהלט, וואס ער האט געזעהן בלויז הינטער די קוליסען פון צירק, מיינענדיג, אז דאס איז געווען די אמת'ע פארשטעלונג...